# פרשת בשלח י"א - י"ז שבט תשפ"א לפ"ק

***יום ראשון פרשת בשלח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יהודה זינגער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל הר"ר **מיכאל דוב שטרייכער** הי"ו שישב שבעה על פטירת אביו ע"ה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ד סעיף ח') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ביי** מכת חושך וואס דער אייבערשטער האט געברענגט, שטייט אין מדרש (שמו"ר יד-א), שלח חושך ויחשיך, ולא מרו את דברו (תהלים קה-כח). ביי יעדע מכה איז געווען א פלפול מיט די מלאכים אויבן אין הימל, צו מען זאל יא ברענגען די מכה, צו נישט ברענגען די מכה. אבער ווען עס איז געקומען צו חושך, ולא מרו את דברו, האט קיינער נישט ווידערגעשפעניגט. אלע האבן מסכים געווען אז עס זאל קומען די מכה פון חושך. דער מדרש איז נישט מסביר, פארוואס ביי חושך האט יעדער מסכים געווען עס זאל קומען די מכה, אנדערש ווי ביי אלע אנדערע מכות.

**רש"י** (שמות י-כב) ברענגט צו, פארוואס איז געקומען די מכה פון חושך. איין פשט זאגט רש"י, ווייל יודען האבן געדארפט נעמען רכוש מצרים, און ווען מען וואלט געגאנגען בעטן די רכוש פון די מצריים, וואלטן זיי געזאגט, דאס האב איך נישט, און יענץ האב איך נישט. אבער אזוי ווי עס איז געווען מכת חושך, און יודען זענען געווען אין די שטובער פון די מצריים, און מען האט געזעהן אלעס וואס מען האט, איז ווען מען האט געבעטן די כלים, און מען האט געזאגט אז מען האט נישט, האט מען געזאגט, עס ליגט דארט און דארט, און אזוי האבן זיי געקענט באקומען די אלע כלים.

**קומט** דאך אויס, אז די מכה פון חושך האט אויסגעפעלט כדי עס זאל קענען מקויים ווערן דער ואחרי כן יצאו ברכוש גדול. די גמרא (ברכות ט:) זאגט אז מען האט ממש אויסגעליידיגט מצרים. וינצלו את מצרים (שמות יב-לו) איז טייטש, אז א יעדע ווערדפולע זאך וואס עס איז געווען ביי א מצרי אין שטוב, האבן יודען געוואוסט, און מען האט עס געליגן, און ארויסגעטראגן פון מצרים. קומט אויס, כדי מען זאל קענען מקיים זיין דעם ואחרי כן יצאו ברכוש גדול, האט אויסגעפעלט עס זאל קומען דער חושך. איז אויף חושך נישט געווען קיין דיון צווישן די מלאכים צו עס זאל קומען צו נישט, ווייל דער אייבערשטער האט דאך שוין אפגעפסק'נט ואחרי כן יצאו ברכוש גדול, און מען קען נישט ארויסגיין מיט קיין רכוש גדול, ביז מען וועט נישט האבן דעם חושך, מען זאל זעהן וואס עס טוט זיך ביי זיי. ממילא האבן אלע מלאכים מסכים געווען. שלח חושך ויחשיך, דער אייבערשטער האט געשיקט חושך, ולא מרו, זיי האבן נישט ממרה געווען, את דברו, דעם אייבערשטען'ס ווערטער, וואס דער אייבערשטער האט געזאגט ואחרי כן יצאו ברכוש גדול, דאס האבן זיי נישט געוואלט טשעפן. און וועגן דעם האט יעדער מסכים געווען אויף מכת חושך.

*

**עס** איז מיר אייביג געווען א פלא די רש"י, ווי איז מענטשליכקייט?! ווייל ביי יענעם איז חושך, און ער זעהט נישט, גייט מען אריין צו יענעם אין שטוב, און מען קוקט זיך אום וואס עס טוט זיך?! מען דרייט זיך ארום ביי יענעם אין שטוב, און מען קוקט אז ער האט באהאלטן דא, און ער האט באהאלטן דארטן. און עס איז נאך ויתן ה' את חן העם (יא-ג), מען האט נאך באקומען חן. וואס איז דער חן? ווייל יענער פארט אוועק, און ער איז נישט דארט, ער זעהט נישט, קען מען אריינגיין צו יענעם אין שטוב, זיך אומקוקן וואס עס גייט פאר? ווי אזוי לערנט מען אפ די רש"י פאר זיך אליין.

**עס** איז מיר אויסגעקומען די וואך איך האב געזעהן אין **פרדס יוסף** (בפרשתנו אות יג), ברענגט ער צו פון **ספר הברית**. דער ספר הברית פרעגט א אנדערע קשיא, זיי זענען געווען דריי טעג וואס זיי האבן זיך

נישט געקענט רירן. אז מען איז געזעסן האט מען זיך נישט געקענט אויפשטעלן, אז מען איז געשטאנען האט מען נישט געקענט זיצן, אז מען איז געווען איינגעבויגען איז מען געבליבן איינגעבויגן, און דאס איז געווען אנשים נשים וטף. ווער עס איז געווען א מצרי, איז געבליבן פאראליזירט דריי טאג! זיי זענען דאך אויסגעגאנגען פאר הונגער? ווי אזוי האבן זיי געגעסן?

**זאגט** דער ספר הברית, אז זיי האבן געבעטן יודען זאלן אריינקומען צו זיי אין שטוב, מען זאל זיי געבן צו עסן. שרייען האבן זיי דאך געקענט, האט יעדער געשריגן צו זיין שכן, יענקל, משה, קום! איך בין פאראליזירט! איך קען גארנישט נעמען! מיין בעיבי איז דא! און יודען זענען אריינגעקומען, און מען האט זיי געגעבן צו עסן. קומט אויס, האט מען זיך שוין געדרייט ביי דעם מצרי אין שטוב מיט רעכט, ער האט דאך אריינגערופן אז מען זאל קומען, ממילא האט מען געזעהן אלעס וואס עס טוט זיך דארט.

**מיט** דעם פארשטייט מען ווי אזוי עס האט געקענט צוקומען דער ושאלה איש מאת רעהו ואשה מאת רעותה (יא-ב), ווען זענען דער מצרי מיטן יוד געווארן אזעלכע גוטע חברים, איש מאת רעהו ואשה מאת רעותה. און וואס עפעס ויתן ה' את חן העם, מען האט געבעטן, און מען האט געגעבן. נאר זיי האבן דאך געמוזט האבן הכרת הטוב, זיי האבן דריי טעג נישט געקענט נעמען עפעס אין מויל אריין, און די יודען האבן זיך געפארעט, מען האט זיי געקאכט און געברענגט עסן וכדומה. דאס האט מרבה געווען ריעות, דאס האט געברענגט די ליבשאפט צווישן זיי, אז ווען מען האט נאכדעם עפעס געבעטן, האבן זיי נישט געקענט אפזאגן. נאכדעם איז דער יוד געקומען בעטן, ליי מיר די כלי פאר דריי טאג. וואס זאל ער זאגען, איך גיב עס דיר נישט?! איך האב דאך דיר נעכטן געגעבן צו עסן, דו וואלסט דאך אויסגעגאנגען. קומט אויס, אז דער גאנצער סדר פון די מכה האט צוגעברענגט דערצו, אז עס זאל קענען זיין דער ואחרי כן יצאו ברכוש גדול. דאס האט געברענגט אז עס איז געווען רעהו מיט רעותה, און זיי האבן געזעהן אלעס וואס עס טוט זיך אין שטוב, האבן זיי געקענט בעטן די כלים.

*

**אין** מדרש (שמו"ר יד-ג) שטייט, אז זיי האבן אויך געזעהן וואס עס איז דא בתיבות ובמטמוניות, אלעס וואס איז געווען באהאלטן אין די שענק, אלעס האבן זיי געזעהן. נו איז דאך נאך נישט אזוי פארענטפערט. אפילו מען האט א רעכט אריינצוגיין אין שטוב געבן פאר יענעם צו עסן, אבער נישט מען זאל זיך גיין אומקוקן אין די לעדלעך, און וואס עס טוט זיך אין די מטמוניות, אז מען זאל וויסן צו זאגן אז דארט איז דא כלים?

**איך** האב געזעהן שטיין פון **רבי'ן פון קאצק**, ולכל בני ישראל היה אור במושבותם (י-כג), אז די גמרא (חגיגה יב.) זאגט, אז דער אור וואס דער אייבערשטער האט באשאפן אנהייב פון די בריאה, אדם צופה בו מסוף העולם ועד סופו, האט מען געקענט זעהן פון איין עק וועלט ביז די אנדערע עק וועלט. און דער **מהרש"א** איז מסביר, אז מען מיינט נישט מיט די גשמיות'דיגע אויגן, ווייל מיט די גשמיות'דיגע אויגן קען מען דאך נישט זעהן פון איין עק וועלט ביז די צווייטע. נאר עס איז געווען אזא עיני השכל, עס איז געווען אזא ליכטיגקייט, א רוחניות'דיגע אור, וואס מען האט געקענט זעהן אלעס וואס עס טוט זיך אין די גאנצע וועלט. און דאס האט דער אייבערשטער אוועקגענומען פון די וועלט, וועגן די רשעים. דער אייבערשטער האט געזעהן אז עס איז נישט כדאי די רשעים זאלן זיך משתמש זיין מיט אזא אור, עמד וגנזן לצדיקים לעתיד לבוא, האט ער עס באהאלטן פאר די צדיקים. קומט אויס, אז בעצם וואלטן מיר געדארפט נהנה זיין פון דעם אור הגנוז, דעם באהאלטנעם אור, מען קען נאר נישט וועגן די רשעים.

**זאגט** דער רבי פון קאצק, יעצט אבער זענען דאך די מצריים געווען אין חושך, קומט אויס אז זיי האבן נישט נהנה געווען פונעם אור. און אפילו ביי די יודען זענען דאך אין די שלשת ימי אפילה געשטארבן אלע רשעים, איז דאך געבליבן נאר כלל ישראל אין גאנץ מצרים, וואס זאלן קענען נהנה זיין פון ליכטיגקייט. דער גוי האט נישט געזעהן, די רשעים ביי יודען האבן נישט געזעהן, איז שוין נישט געווען קיין סיבה אז דער אייבערשטער זאל צונעמען דעם אור פון שבעת ימי בראשית כדי די רשעים זאלן נישט נהנה זיין דערפון, ווייל אין מצרים איז נישט געווען קיין רשעים וואס זאלן קענען נהנה זיין דערפון. ולכל בני ישראל היה אור במושבותם,

דער אייבערשטער האט צוריקגעלייגט דעם אור פון שבעת ימי בראשית פאר די יודען.

**אז** מען האט געהאט דעם אור שבעת הימים, קומט דאך אויס, אז מען האט געקענט זעהן מסוף העולם ועד סופו, קען מען דאך אודאי זעהן וואס עס טוט זיך ביים מצרי אין שטוב. האבן זיי נישט געמוזט גיין עפענען אלעס כדי זיי זאלן וויסן וואס עס טוט זיך אין די מטמוניות, דער אור במושבותם וואס זיי האבן געהאט, דאס האט זיי מגלה געווען אלעס וואס עס טוט זיך ביי דעם מצרי אין שטוב. ממילא האבן זיי געקענט שפעטער צוגיין און זאגן, איך ווייס אז דו האסט די כלי, עס ליגט אויף דעם און דעם פלאץ, האט געקענט נאכדעם מקויים ווערן דער ואחרי כן יצאו ברכוש גדול.

*

***יום שני פרשת בשלח***

אחר תפלת שחרית שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **אלי' לערנער** הי"ו, שהתקיים בבית אביו (הר"ר **אשר לערנער** הי"ו).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי לסידור קידושין אצל החופה של החתן **יוסף** ני"ו בן הר"ר **יוחנן שור** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אליעזר דוד נאגעל** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת טשארנא.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של החתן **זאב** ני"ו בן הר"ר **יוסף פישער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם האניג** הי"ו, שהתקיים באולם כרם מנחם. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת ש"ב הרה"ג רבי **צבי אלימלך פיש** שליט"א (החתן גיסו הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), עב"ג בן הרב **יואל האלפערט** שליט"א, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***יום שלישי פרשת בשלח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יואל האבערפעלד** הי"ו.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ בית מדרשנו זכרון יהודה, עב"ג בן הרב **אברהם שלמה כ"ץ** שליט"א, שהתקיים באולם עטרת חינקא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת בשלח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של החתן **חנני' יו"ט ליפא** ני"ו בן הר"ר **יעקב משה פריעדמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **דוד ברוין** הי"ו, שהתקיים באולם עמינענס.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג לסידור קידושין אצל החופה של החתן **משה** ני"ו בן הר"ר **שמעון ישראל פערלמוטטער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב פרץ הילמאן** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

אחר מעריב ערך **רבינו שליט"א** שולחנו לרגל חמשה עשר בשבט, בבית מדרשנו. **רבינו שליט"א** טעם מיני מזונות ווי"ש, ואיחל לחיים לקהל הנוכחים. אחר כך זימרו ניגונים לכבוד היום, והשמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו (תוכן הדברי תורה נדפס בגליון 'דברי תורה').

אחר אמירת דברי תורה הגישו לפני **רבינו שליט"א** מיני פירות, ובירך ברכת העץ על התמרים והאתרוג ביחד. אחר כך טעם הרבה מיני פירות שונים, וחילק משיירי הפירות לקהל הנוכחים.

***וזה תוכן סיום הדברי תורה:***

**עס** איז א שווערער זמן, עס גייט ארום די מחלה, דער אייבערשטער זאל אפהיטן אלע יודישע

קינדער. די גמרא (מנחות מג:) זאגט אויף דוד המלך, אז ער האט מתקן געווען אז מען זאל יעדן טאג דאנקען די מאה ברכות. עס איז געווען א זמן וואס יעדן טאג זענען געשטארבען הונדערט מענטשען, און פארדעם האט ער מתקן געווען די מאה ברכות, עס זאל אפשטעלן די מגיפה. ווען ער האט מתקן געווען די מאה ברכות, האט זיך אויפגעהערט די מגיפה (במדב"ר יח-כא).

**ווען** עס איז דא א מגיפה, און דער אייבערשטער העלפט אז מען איז געזונט, און מען לעבט, דאנקט דאך יעדער דעם אייבערשטען, אז עס האט ב"ה אים נישט צוגערירט. און אז עס האט אים יא צוגערירט, איז עס געווען אויף א גרינגע וועג, און ב"ה מען האט זיך ארויסגעדרייט דערפון. מען דאנקט אייביג נאר אויף איין זאך, אז איך בין געבליבן לעבן, עס האט מיך נישט צוגערירט. א מענטש ווען ער דאנקט אויף די טובות פונעם אייבערשטען, דארף ער נעמען יעדע טובה עקסטער פאר זיך, און עס צושפליטערן, און דאנקען אויף יעדע קלייניגקייט, על כל נשימה ונשימה תהלל י-ה (ב"ר יד-ט). איך אטעם, דאנקען דעם אייבערשטען. נאך א אטעם, נאכאמאל דאנקען דעם אייבערשטען, אז ער קען אטעמען, און אז ער קען זיך באוועגן, און אזוי ווייטער.

**ווען** מען שטייט אויף צופרי, דאנקט מען דעם אייבערשטען, מען האט מתקן געווען די ברכות השחר. ברכת השחר וואלט גענוג געווען צו זאגען איין ברכה. ווען אונז וואלט מיר עס מתקן געווען, וואלטן מיר געזאגט, געלויבט דער אייבערשטער, אז איך בין אויפגעשטאנען צופרי, איך לעב, איך בין נישט געשטארבען ביינאכט. אונז זאג מיר כמעט צוואנציג ברכות, איך האב מיר געעפנט די אויגן, איך האב זיך אויפגעשטעלט, איך בין אראפגעגאנגען פון בעט, איך האב מיך אנגעטון די רעקל, איך האב אנגעטון מיינע שוך, פוקח עורים, זוקף כפופים. דוד המלך האט מתקן געווען, אז ווען מען דארף דאנקען דעם אייבערשטען איז נישט גענוג אז מען דאנקט דעם אייבערשטען נאר בכלליות, מען דארף דאנקן דעם אייבערשטען אויף פרטיות. אויף יעדן גוטס וואס דער אייבערשטער האט דיר געטון, דאנק דעם באשעפער. ווען ער האט געזעהן אז עס איז דא א מגיפה, און מענטשען דאנקען דעם אייבערשטען אז ער לעבט, האט ער מתקן געווען מאה ברכות. עס איז נישט גענוג אז דו מאכסט די ברכה סתם אין כלליות, נאר אויף יעדע זאך וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן, זאג א עקסטערע יישר כח. דו האסט געעפענט די אויגן, דאנק דעם אייבערשטען. דו קענסט גיין, דאנק דעם באשעפער, און אזוי ווייטער.

**דאס** איז די נקודה ביי די פירות אויך. א מענטש קען דאנקען אמאל דעם אייבערשטען אז עס איז דא וואס צו עסן ב"ה, עס איז גענוג. ניין, דו דארפסט דאנקן דעם באשעפער אויף יעדע זאך וואס איז דא אין די גראסערי, דארף מען עקסטער דאנקן. מען דארף עקסטער דאנקען דעם באשעפער אז ער האט געגעבן דעם מאכל, ער האט געגעבן א צווייטע מאכל, און א דריטע מאכל, און מען קען עסן, און מען איז געזונט, און מען קען טועם זיין דעם טעם און יענעם טעם. ווען א מענטש מיינט עס ערליך, ער וויל ארויסברענגען דעם שבח והודאה פארן אייבערשטען, וואס אין יעדע זאך האט דער אייבערשטער באשאפן אזויפיל סארט מינים, און אזויפיל סארט טעמים, און אזויפיל סארט אויסזעהן, ברענגט ער ארויס דעם שבח והודאה פארן אייבערשטען.

**און** אז מען מאכט א ברכה ווען עס איז נאר מלבלב, בשעת עס הייבט נאר אן צו בליען, ווען מען האט נאכנישט די פרי, דאנקט מען דעם אייבערשטען שלא חיסר בעולמו כלום וברא בו בריות טובות ואילנות טובות, ליהנות בהן בני אדם, איז כל שכן ווען דער אייבערשטער גיט און מען זיצט ביים טיש, און עס איז דא אלע סארט פירות, און מען קען נהנה זיין מיט די אויגן וואס זעהט די פירות, און מען קען נהנה זיין פון אלע סארט טעמים, דארף מען דאנקען דעם אייבערשטען אויף יעדע נקודה עקסטער, און אויף יעדע טעם עקסטער. דעם טעם, און נאך א טעם, און נאך א טעם, דאס ברענגט ארויס די הודאה, הרנינו לאלקים עוזנו, ווי מען האט פריער גערעדט, אז יעדע זאך וואס האט פארשידענע סארט מינים, פארשידענע סארט אויסזעהן, ברענגט ארויס די רנה פארן אייבערשטען.

**דער** באשעפער זאל געבן, אז מיר זאלן שטענדיג קענען דאנקען דעם אייבערשטען, עס זאל אונז קיינמאל גארנישט פעלן. דער באשעפער זאל געבן, מען זאל קענען נהנה זיין פון דער וועלט

ערליכערהייט, און דאנקען דעם אייבערשטען אויף יעדע הנאה עקסטער. ווי מער אונז וועל מיר מרבה זיין אין ברכות, איז דא די סגולה פון דוד המלך אז מען זאל קענען ניצול ווערן פון די אלע פגעים רעים, און דאנקען דעם אייבערשטען אויף יעדן חסד עקסטער, אויף יעדע טובה עקסטער. דער באשעפער זאל געבן שלא ישמע שוד ושבר אין קיין שום יודישע שטוב. דער באשעפער זאל צושיקן א רפואה שלימה פאר יעדן איינעם, עס זאל זיין נותן שרף באילנות. עס קומט דאך אריין א שרף אין די פירות, עס שטייט אז מען דארף מתפלל זיין אויף א שיינעם אתרוג, דער באשעפער זאל העלפן אי"ה, אז מען זאל קענען מקיים זיין די מצות פונעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, און מיר זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום חמישי פרשת בשלח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל השבע ברכות של החתן **שמעון** נ"ו בן הר"ר **גדלי' פאגעל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אלעזר דוב סאלאף** הי"ו, שהתקיים באולם סקווירא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת **הרה"ג רבי משה בערגער שליט"א** אב"ד רודניק, עב"ג בן **הרה"ג רבי אלעזר מאשקאוויטש שליט"א**, שהתקיים באולם אלטשטאט. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרב **יעקב יוסף קריינדלער** שליט"א (מנהל בת"ת בוומסב"ג), עב"ג בן הר"ר **חיים דוד קליין** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***ערב שבת פרשת בשלח***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **ישראל באדאנסקי** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת (שמות טו-א). עס שטייט אין מדרש (עיין **בדעת זקנים** שם), פארוואס הייבט זיך אן די שירה 'אז' ישיר. זאגט דער מדרש, א"ז איז אכט, דאס איז א רמז אויף די מצוה פון מילה וואס איז ניתנה לשמיני. אין זכות פון מצות מילה האט מען זוכה געווען צו קריעת ים סוף, און מען האט געקענט זאגן די שירה. 'אז' וועגן די מצוה וואס עס איז געגעבן געווארן צו דעם אכטן טאג, ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת. עס דארף האבן א ביאור וואס עפעס האט מילה א קשר צו דעם נס וואס עס האט פאסירט ביי קריעת ים סוף.

**עס** איז דא נאך א מדרש (ב"ר נה-ח), אז אין זכות פון אברהם אבינו האט מען זוכה געווען צו קריעת ים סוף. ביי אברהם אבינו שטייט ביי די עקידה (בראשית כב-ג) ויבקע עצי עולה, און דא שטייט (שמות יד-כא) ויבקעו המים, אז אין זכות פון אברהם וואס האט מקיים געווען ויבקע עצי עולה, אין דעם זכות איז געווען ויבקעו המים. וואס איז דער קשר איינס מיט דאס אנדערע.

**עס** קען זיין, עס שטייט אין **בני יששכר** (ניסן ד-ז, **ובאגרא דכלה** ריש פרשת ראה), אז בשעת מען דארף מעורר זיין רחמים, איז גרינג מעורר צו זיין. אז מען דארף מעורר זיין דינים, איז אויך גרינג מעורר צו זיין. אבער אז מען דארף מעורר זיין אז עס זאל זיין אין די זעלבע צייט רחמים מיט דינים צוזאמען, דאס איז שווער אז עס זאל קענען זיין שני הפכים בנושא אחד. ווען דער אייבערשטער וויל טון א זאך וואס עס זאל זיין א רחמים פאר יודען, און עס זאל זיין דין פאר די אומות העולם, מוז מען דאך מעורר זיין רחמים מיט דינים צוזאמען, דאס איז שווער אז עס זאל קענען נתעורר ווערן אזא סארט מדה אויבן אין הימל. אבער באתערותא דלתתא איתער עובדא דלעילא (זוה"ק ח"א פח.), אונז מיט אונזערע מעשים, ווען א יוד טוט א ענין וואס איז פארבינדן פון רחמים

מיט דין צוזאמען, איז ער מעורר די מדה אין הימל אויף, אז דער אייבערשטער זאל זיך פירן רחמים אויף יודען און דינים אויף אומות העולם. און ער זאגט כמה דרכים וואס זענען די מדות וואס מען קען מעורר זיין רחמים מיט דינים צוזאמען.

**עס** קען אפשר זיין, מצות מילה איז פארבינדן פון דין מיט רחמים. עס איז דאך כי עליך הורגנו כל היום (תהלים מד-כג), נעמען א קינד און מל'ן. און פון דעסטוועגן דאך מל'ט מען א קינד. פון איין זייט איז עס א מדה פון אכזריות, און פון די אנדערע זייט איז עס א מצוה, און יעדע מצוה איז דאך מעורר רחמים. קומט אויס אז מצות מילה האט אין זיך די צוויי חלקים, פון איין זייט איז עס א מדת אכזרי וואס מען טוט, וואס דאס איז דאך א ענין פון דינים. און פון די אנדערע זייט איז דאס א קיום המצוה, וואס דאס איז רחמים. די זעלבע איז די עקידה וואס אברהם אבינו האט געברענגט יצחק צו שחט'ן פאר א קרבן. פון איין זייט איז עס אכזריות, נעמען א קינד און אים שחט'ן. און פון די אנדערע זייט טון דעם רצון פונעם אייבערשטען, איז דאך מעורר רחמים. איז די צוויי מצות וואס עס איז געווען דערביי דין און רחמים צוזאמען, דאס האט מעורר געווען קריעת ים סוף, אז אין די זעלבע צייט זאל קענען זיין עזי וזמרת י-ה ויהי לי לישועה, און פון די אנדערע זייט זאל קענען זיין תהומות יכסמו ירדו במצולת כמו אבן.

**'אז'**, דורך די מצוה פון מילה וואס יודען האבן מקיים געווען, וואס עס איז דאך פארבינדן פון דין מיט רחמים צוזאמען. 'ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת', האט מען זוכה געווען צו די שירה. אין זכות פון די עקידה וואס עס איז געווען ויבקע עצי עולה, האט מען זוכה געווען צו ויבקעו המים.

***<u>שבת קודש פרשת בשלח</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד הרב **שלמה זלמן כ"ץ** שליט"א.

אחר הבאטע השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת ש"ב הרב **צבי אלימלך פיש** שליט"א (חתן גיסו הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), שהתקיים באולם סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן לפני הכלה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

במוצאי שבת אחר אמירת 'א גוטע וואך' נתחלק לכל הקהל ספר החדש '**שמן ראש**' על סדר שמות (חלק אחד עשר), בנדבת ידידינו הרה"ח מו"ה **יעקב חיים כ"ץ** הי"ו.

אחר הבדלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בת ש"ב **הרה"ג רבי בנציון ראבינאוויטש שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א, חתן אחיו כ"ק הגה"צ מתולדות אהרן וומסב"ג זצ"ל), עב"ג בן **הרה"ג רבי נפתלי צבי מאסקאוויטש שליט"א**, שהתקיים בבית המדרש דינוב.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל המלוה מלכה לטובת בית המדרש סערדאהעלי, בנשיאות אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**, שהתקיים באולם אנשי ספרד.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ בית מדרשנו זכרון יהודה, שנערכה על ידי מתפללי בית המדרש באולם הוד והדר. אחר ברכת המזון נתכבד **רבינו שליט"א** באמירת השבע ברכות, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.